# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## פניני אמונים
### פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### באלייכן מיט כוונה די ווערטער פון דאווענען

"צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" (ו טז)

דער מעזריטשער מגיד טייטשט:

דער וואס דאוונט און זאגט ארויס די ווערטער פון מויל אן כוונה, איז צוגעגלעכנט צו איינער וואס גייט אין פינסטער און טאפט ארום זיך אן צו וויסן די וועג וואו ער דארף גיין. דעריבער באפעלט די תורה פאר דער וואס דאוונט: "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" - באלייכט די ווערטער פון דאווענען; זאגט זיי מיט כוונה, זיי זאלן ארויסקומען פון דיין מויל ווען זיי לייכטן און קלאר, און אזוי וועסטו זיין פארזיכערט אז דיין תפילה וועט ארויף גיין אויבן און אויפטון.

דער משפיע **רבי שמואל אהרן לידער** פלעגט צולייגן, אז דער וואס וויל מכוון זיין ביים דאווענען ווי עס דארף צו זיין, דארף אכטונג געבן אינגאנצן נישט רעדן דברים בטלים פון ווען ער שטייט אויף פון שלאף ביז ער דאוונט, ווייל די דברים בטלים וואס ער רעדט שטערן די מחשבות און האלטן אפ די כוונה. דער ענין איז אויך מרומז אין דער פסוק (תהלים פח יד): "וּבַבֹּקֶר תְּפִלָּתִי תְקַדְּמֶךָּ" - אז יעדן אינדערפריה זאלן די ווערטער פון דאווענען זיין פריער פון אלע אנדערע רעדערייען.

'תורי זהב'; 'נטעי אשל'

### אריינגיין אין די 'תיבה'

"וַיֹּאמֶר ה' לְנֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה" (ז א)

טייטשט דער **בעל שם טוב הק'** אז אין דער פסוק האט די תורה מרמז געווען פאר יעדער איד, אז ווען ער זאגט ארויס די ווערטער פון דאווענען פון זיין מויל, זאל ער עס מקיים אויף א וועג פון: "בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה", ד.מ. ער זאל זיך אינגאנצן ארייןלייגן אין די ווערטער - זיין קערפער און זיין מחשבה, אלעס זאל זיין אין די סידור.

אמאל האט **רבי משה קאברינער** איבערגעזאגט די ווארט פאר זיינע אנהענגער, איינער פון די צוהערהער האט זיך געוואונדערט: וויאזוי קען א מענטש זיך אינגאנצן ארייןלייגן אין אזא קליינע ווארט? האט דער רבי באלד געענטפערט: ריכטיג, איך האב נישט גערעדט פון איינער וואס האלט זיך גרעסער פון די ווערטער פון דאווענען...

'בית אהרן' פרשת נצבים; 'אמרות טהורות'

### 'למען נחדל מעושק' די ברכות

"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים לְנֹחַ קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם" (ו יג)

דער 'אוהב ישראל' פון אפטא טייטשט:

די חכמים זאגן (ברכות לה א): "כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה - מעל", ווייל איידער די ברכה ווערט דער מאכל פארערכנט ווי 'הקדש' וואס איז אסור בהנאה, אזוי ווי עס שטייט: "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" (תהילים כד א), און נאר נאך די ברכה באקומט מען ערלויבעניש צו געניסן פון דער מאכל, אזוי ווי עס שטייט (שם קטו טז): "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם".

די דור המבול וואס האבן חוטא געווען מיט גזל, האבן אויך גע'גזל'ט פונעם אייבערשטן דורך דעם וואס זיי האבן הנאה געהאט פון דער וועלט אן אים לויבן און דאנקען, און צוליב דעם: "מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם", ווייל אויך ווען זיי האבן הנאה געהאט פון וואס זיי פארמאגן, איז עס גערעכנט פאר זיי ווי ס'איז גערויבט, ווייל זיי האבן דאך נישט געזאגט א ברכה און געלויבט אויף דעם פון פריער.

**רבי דב לאבלאוויטש** דער רב פון קישקראש האט מיט דעם ערקלערט די סיבה פארוואס מיר דערמאנען ביי 'נעילה' דווקא דעם זינד - "למען נחדל מעושק ידינו". מיר ווילן זיך מתוודה זיין אויף די עבירה פון הנאה האבן פון דער וועלט אן קיין ברכה, ווייל דאס איז א עבירה וואס זייער אפט ווערן אסאך נכשל אין דעם, דעריבער האבן די חכמים מתקן געווען נאר דאס צו דערמאנען ביי די תפילה.

'מגיד תהלות'; 'דיבובי חן'

### 'רוקע הארץ על המים' - אויסער אין די צייט פון די מבול

"בִּשְׁנַת שֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה לְחַיֵּי נֹחַ בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּשִׁבְעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בַּיּוֹם הַזֶּה נִבְקְעוּ כָּל מַעְיְנוֹת תְּהוֹם רַבָּה וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמַיִם נִפְתָּחוּ" (ז יא)

דער גאלאנטער רב **רבי יהושע בוקסבוים** הי"ד זאגט:

די מענטשן אין דור המבול האבן געהאלטן אז ווייל די 'כח הבהמי' ציט דעם מענטש צו זינדיגן, דארף ער נישט מלחמה האלטן און גיין אקעגן זיין טבע, נאר ער זאל נאכגיין זיינע הארץ גלוסטענישן אזוי ווי א בהמה וואס שטארקט זיך נישט אויף איר ווילן.

ווייל דער אייבערשטער פירט זיך צו צאלן פאר א זינדיגער 'מידה כנגד מידה' (ראה סנהדרין ק א), דעריבער איז זייער שטראף געווען אז די וואסערן פון די מבול האבן פארפלייצט די גאנצע וועלט ביז אלעס איז אפגעמעקט געווארן. ווייל די גאנצע וועלט וואס איז אויסגעשפרייט העכער די וואסער איז אינגאנצן פארקערט צו די טבע, און דאס איז א שטענדיגע נס וואס אויף דעם לויבן מיר יעדן אינדערפריה ביי די ברכה: "רוקע הארץ על המים" (זעה אין לבוש או"ח מו ב). ווען די דור המבול האבן זיך אונטערגעטעניגט צו זייער טבע און זיך נישט געשטארקט צו געוועלטיגן אויף זייער יצר, האט די וועלט זיך אויך געפירט אזוי ווי די טבע; די נסים'דיגע אפהאלט וואס איז שטענדיג אקעגן די וואסער איז אוועק גענומען געווארן, און זיי האבן פארפלייצט און פארדעקט די גאנצע בריאה.

'אור פני יהושע'

### תשובה טון און דאווענען ווי עס דארף צו זיין

"וְלֹא מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ לְכַף רַגְלָהּ וַתָּשָׁב אֵלָיו אֶל הַתֵּבָה כִּי מַיִם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וַיִּקָּחֶהָ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו אֶל הַתֵּבָה" (ח ט)

דער מקובל רבי מרדכי אב"ד ווילקאטש טייטשט:

אין דעם לעצטן ביטערן גלות ווערט מקויים ביי כנסת ישראל וואס איז נמשל צו א יונה (ראה ברכות נג ב) דער פסוק: "וְלֹא מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ לְכַף רַגְלָהּ", צוליב די סאך שווערע גזירות וואס גייען אריבער אויף אונז. און וועגן דעם: "וַתָּשָׁב אֵלָיו אֶל הַתֵּבָה" - וועלן די אידן נתעורר ווערן תשובה טון, און וועלן מקפיד זיין שטיין פאר די תיבה [= עמוד] און דאווענען ווי עס דארף צו זיין. ווען זיי וועלן אזוי טון וועט אנגענומען ווערן זייער תשובה, "כִּי מַיִם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" - ווייל בשעת'ן דאווענען פארגיסן זיי טרערן ווי וואסער, און די חכמים זאגן דאך (ב"מ נט א): "שערי דמעות לא ננעלו". "וַיִּשְׁלַח [הקדוש ברוך הוא] יָדוֹ וַיִּקָּחֶהָ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו" - הקב"ה וועט אויסשטרעקן זיין האנט און אננעמען אונזערע תפילות.

'שער המלך' [הוראדנא תקע"ו] שער ג' לר"ה פרק ה

## הרא"ש
### ט' חשון פ"ח

דעם קומענדיגן פרייטאג הבעל"ט געפאלט אויס די זעקס הונדערט און פיר און ניינציג'סטע יארצייט זינט די הסתלקות פון איינער פון די גרויסע פוסקים רבינו אשר ב"ר יחיאל, וואס ווערט אנגערופן דער 'רא"ש', ער איז נפטר געווארן אין טאלדא וואס איז אין שפאניע אין טאג ט' חשון פ"ח.



עיר טולדו

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

## אויך א ברכה און אויך אמן

אזוי דערציילט ער אויף זיך אין זיין ספר שאלות ותשובות (כלל ד סי' יט לגבי ברכות ק"ש):

"ווען איך קום אן בי א ענדע פון א ברכה, אייל איך מיך צו ענדיגן מיין ברכה איידער דער חזן וועט ענדיגן זיין ברכה, און איך געב אכטונג ענטפערן אמן נאך די ברכה פון חזן".

# אוצרות אמונים

פותחין לו שערי גן עדן

## א סעריע ערקלערונגען (א)

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א וואונדערליכן און ספעציעלן שכר פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". דער שכר לערנען זיי ארויס פון דער לשון הפסוק (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' - "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'".

דער מהרש"א (שם) ערקלערט די דרשה פון די חכמים אויף צוויי וועגן: א. מ'דארף צולייגן די אות אל"ף צו די ווארט 'שמר', ווי עס וואלט געשטאנען אין פסוק: 'שאומר אמנים". ב. מ'דארף ליינען דער פסוק אזוי ווי עס שטייט - 'שמר אמנים', און טייטשן די ווארט 'שמר' ווארטן (ראה רש"י בראשית לז יא), אז די טויערן פון גן עדן ווערן געעפענט פאר דער וואס ווארט צו הערן די גאנצע ברכה פון אנהייב ביז די ענדע, כדי צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין.

די ווערטער פון גמרא ווערט אויך געברענגט אין זוהר (וילך רפה ב) און אזוי שטייט דארט: "ווען דער מענטש וואס האט אכטונג געגעבן צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין ווערט נסתלק פון דער וועלט, גייט ארויף זיין נשמה און רופט אויס: 'פתחו שערים', אזוי ווי ער האט יעדן טאג געעפענט די שערי ברכה ווען ער איז געווען 'שומר אמונים'". פון די זוהר זעט אויס אז דער שכר פון עפענען די שערי גן עדן פאר דער וואס ענטפערט אמן איז 'מדה כנגד מדה': אזוי ווי דער וואס ענטפערט אמן האט געעפענט די שערי ברכה דורך ענטפערן אמן, אזוי ווערן זיך אויך עפענען פאר אים די שערי גן עדן ווען עס וועט אנקומען זיין צייט (ראה רבנו בחיי שמות יד לא).

די חכמים לייגן צו אז אויך די פושעי ישראל וואס געפונען זיך שוין אין גיהנם, וועלן ארויסגיין פון דארט און אריינגיין אין גן עדן אין שכר פון ענטפערן אמן. אזוי שילדערן די חכמים וואס עס וועט פאסירן לעתיד לבוא (תנד"א זוטא פרק כ): "...דוד זאגט א קדיש נאכן לערנען דברי אגדה פאר הקדוש ברוך הוא, און די צדיקים אין גן עדן ענטפערן יהא שמו הגדול מבורך לעולם ולעולמי עולמים, און די פושעי ישראל ענטפערן אמן אין גיהנם. פרעגט דער אייבערשטער פאר די מלאכים: ווער זענען די וואס ענטפערן אמן אין גיהנם? זאגן זיי: רבונו של עולם! דאס זענען די פושעי ישראל וואס כאטש זיי זענען אין גיהנם אין א גרויסע צרה שטארקן זיי זיך און זאגן אמן פאר דיר. זאגט הקדוש ברוך הוא פאר די מלאכי השרת: עפענט פאר זיי די גן עדן זיי זאלן קומען זינגען פאר מיר, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' - אל תקרי אמונים אלא שאומר' אמן".

אין די פאלגנדע מאמר וועלן מיר ברענגען א קייט ערקלערונגען פון די גדולי הדורות איבער דער שכר, און זיין ספעציעלע פארבינדונג אויף ענטפערן אמן.

### אמן עפענט די טויערן פון אלע וואוינונגען

דער מהרש"א (ח"א, שבת קיט ב) איז מדייק פון דעם וואס די גמרא כאפט אן "פותחין לו שערי גן עדן" - מיט א לשון רבים, פאר דער וואס ענטפערט אמן ווערן געעפענט די טויערן פון אלע וואוינונגען אין גן עדן, און נישט נאר די ספעציעלע טויער פון די וואוינונג וואס קומט אים; אויף אלע מצוות איז דער מענטש זוכה צו א וואוינונג אין גן עדן לויט זיינע מעשים, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קנב א): "כל צדיק וצדיק נותנים לו מדור לפי כבודו", אבער דער וואס איז מקיים די מצוה פון ענטפערן אמן מיטן גאנצן כח, עפענען זיך די טויערן פון אלע וואוינונגען אין גן עדן - אויך די וואס לויט זיין דרגה וואלט ער נישט געדארפט באקומען.

### אמן עפענט די טויערן אויך פאר די זינדיגע

דעם פסוק (שה"ש ד ג): "כְּחוּט הַשָּׁנִי שִׂפְתֹתַיִךְ וּמִדְבָּרֵיךְ נָאוֶה", דרש'ענען די חכמים (מדרש אגדת בראשית עט): "ענקער מדבר איז שיין פאר מיר... און וואס איז דער מדבר? דאס זענען די עמי הארץ וואס קענען נישט לערנען, אזוי ווי א מדבר וואו דארט וואקסן נישט קיין פירות, און זיי גייען אריין אין די שוהלן, און זאגן די ברכה פון 'ברוך יוצר המאורות' און 'מחיה מתים', אז דער אויבישטער האט באשאפן און איז מחיה מתים, און זיי ענטפערן נאך אים אמן, און זאגן מיר גלייבן אז ער איז מחיה מתים, און ער האט באשאפן די וועלט, אפילו זיי האבן נישט קיין שכר נאר פון די איין אמן, איז עס גענוג".

מהר"ש לניאדו דער 'בעל הכלים' ערקלערט אז דאס האבן די חכמים אינזין געהאט זאגנדיג: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". "כל העונה אמן..." - עס זאל זיין ווער עס איז, אפילו ער האט נישט נאר דעם זכות פון ענטפערן 'אמן' וועט ער זוכה זיין אז די טויערן פון גן עדן זאל זיך עפענען פאר אים. און דאס קען מען אויך לערנען פון דער לשון הפסוק: "גוי צדיק", אפילו איינער וואס פירט זיך ווי א גוי אין אלע זיינע אויפפירונגען, און ער איז נישט קיין 'צדיק' נאר אין דעם ענין פון ענטפערן אמן, דאס איז גענוג עס זאל זיך עפענען פאר אים די טויערן פון גן עדן" ('כלי פז' ישעיה כו ב).

רבי יצחק שרים פון די חכמי ארם צובה, לייגט צו אז אויך דער פסוק אין איוב (לג כג-כד) איז אויף דעם מרמז: "אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ; וַיְחֻנֶּנּוּ וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שָׁחַת". 'מלאך' איז בגימטריה 'אמן'; אפילו אויב דער מענטש האט נאר די איין זכות פון ענטפערן 'אמן', האט עס א כח ער זאל ארויס גיין גערעכט ביים בית דין של מעלה און אים ראטעווען פון גיהנם. ('ליקוטים מפרדס' ח"א ערך אמן אות ב).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די תפילה וואס איז אנגענומען געווארן דינסטאג נאכט

דער פאלגנדער ערציילונג איז געהערט געווארן פון דער בעל המעשה, א טייערער יונגערמאן וואס איז ליידער קראנק געווארן ל"ע אויף די 'קאראנע ווירוס' ביי די ערשט כוואליע. אין יענע תקופה וואס דער גאנצער וועלט איז געווען אויפגעשוידערט און צוטרייסלט אקעגן די נייע אומבאקאנטע-ווירוס וואס האט אנגעזייעט א חורבן אין יעדע לאנד און שטאט, די נייע ווירוס וואס האט זייער שנעל אנגעשטעקט אנדערע, די שווערע סימפטאמען און די שנעלע פארערגערונגען איז אינגאנצן נישט באקאנט געווען פאר די דאקטורים, אויך די באהאנדלונג איז געווען צוגעפאסט צו דעם.

אין די ערשטע טעג נאכן ווערן אנגעשטעקט מיט די קאראנע ווירוס, זענען די סימפטאמען געווען גרינג, ד.מ.: ער האט פארלוירן זיין חוש פון טעם און ריח, פיבער און די אטעמען איז אים אביסל שווער געווארן. ער האט זיך געדרייט אין שטוב אויף זיין שטייגער, אביסל אפגעשוואכט און געווארט ער זאל שוין קענען ארויסגיין און זיך דרייען צווישן מענטשן.

אבער די פארערגערונג איז געווען זייער שנעל. אין ענדע פון די ערשטע וואך פון זיין אנשטעקיקייט האט ער פלוצלינג אנגעהויבן פילן ערנסטע שוועריקייטן ביים אטעמען, און נאך געציילטע שעות האט ער געפילט אז די אקסעדזשען (חמצן) אין זיין קערפער ליידיגט זיך אויס. די שווערע געפילן וואס האבן אים באגלייט איז שווער שילדערן מיט ווערטער, ער איז געליגן אין בעט און געקעמפט אויף יעדע אטעם, פשוטו כמשמעו, און ווען ער האט געפילט אז מער קען ער שוין נישט אויסהאלטן האט ער געבעטן פון זיין הויזגעזונד זאל שנעל רופן א אמבולאנס.

און אזוי שילדערט דער בעל המעשה:

"ווען עס זענען אנגעקומען די 'הצלה' וואלאנטירן צו מיין הויז האב איך זיך געפינען אין א צושטאנד פון זיך כמעט-דערשטיקן. אין די קורצע תקופה וואס איז אדורך פון ווען די ווירוס האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן אויף דער וועלט האב איך אנגעיאגט צו הערן נישט ווייניג ערציילונגען אויף דעם. איך בין זיכער געווען אז איך גיי אויך זיין אזוי ווי איינע פון די ערציילונגען... עס האט מיך אנגעכאפט א טויט-שרעק - וואס דאס האט נאר פארערגערט מיין געזונט צושטאנד.

אויפן וועג צום שפיטאל האב איך געפילט א פארגרינגערונג, די אקסעדזשען וואס איז אריין אין מיינע לונגען האט פארגרינגערט די אטעמען, און אין די זעלבע צייט האט עס אפגעשוואכט די שרעק.

איך וועל דא נישט מאריך שילדערן אלע שוועריקייטן וואס איך בין אריבער ביז מ'האט מיך אנגענומען אין שפיטאל. וויאזוי דער דרייווער פון די אמבולאנס האט געמוזט פארן פון איין שפיטאל צו די צווייטע ביז ער האט געטראפן פאר א בעט אין א שפיטאל וואס געפונט זיך ווייט פון מיין שטאט. אין לויף פון עטליכע שעה'ן בין איך געליגן אין די עמערדזשענסי רום (חדר מיון) ביז עמיצער איז גרייט געווארן מיך קומען אריבער פירן צו די קאראנע-אפטיילונג.

נאך די לאנגע שעה'ן וואס איך בין געווען באהאפטן צו אקסעדזשען, האב איך געמיינט אז מיין צושטאנד האט זיך פארבעסערט און ביז א טאג-צוויי וועל איך זיך אהיים קערן, און עס איז קלאר אז איין מינוט האב איך נישט געחלומ'ט וואס עס ווארט אויף מיר.

אזוי ווי די חכמים זאגן (אבות ב ה): "במקום שאין אנשים השתדל להיות איש", די איבעריגע צייט וואס איך האב פארמאגט האב איך אויסגענוצט צו טון חסד מיט אנדערע אין די אפטיילונג וואס איז געווען פיל, די וואס זענען געווען צוגעבינדן צו זייערע בעטן, א טייל פון זיי אין זייער א שווערן צושטאנד, אן קיינער זאל קומען און געבן אפילו נאר א בליק פאר זיי. איך האב זיי דערלאנגט די עסן, באפעסטיגט די אקסעדזשען-מאסק וואס האט זיך אוועקגעריקט, פארבינדן די קראנקע און די שטאב, און צו מיין גרויסע ווייטאג אויך מיטן ליינען קריאת שמע און זאגן וידוי מיט נישט ווייניג קראנקע וואס די דאקטורים האבן זיי געוואלט פארשלעפן, און האבן געציטערט - און ס'קען זיין אז זיי זענען גערעכט געווען - אפשר וועלן זיי זיך נישט אויפוועקן פון דעם. רחמנא ליצלן.

אין לויף פון יענעם גאנצן טאג בין איך געווען צופרידן פון אזויפיל טון פאר אנדערע, איך האב זיך קאנצענטרירט אין די שווערע מצב פון אנדערע אין די אפטיילונג און צוליב דעם האב איך נישט צוגעלייגט קאפ און הארץ צו מיין אייגענעם צושטאנד. נאר ביינאכט ווען איך האב זיך נאר אראפגעלייגט אויף די אייזערנע בעט, אפגעמוטשעט און מיד, האב איך ווידער אנגעהויבן פילן שוועריקייטן ביים אטעמען, איך האב זיך געכאפט אז איך בין נישט פון די שפיטאל-שטאב נאר א קראנקער ווי יעדער...

די שוועריקייטן ביים אטעמען האט זיך פארערגערט און אסאך צייט האט גענומען ביז איינער פון די שטאב האט געטראפן צייט מיך ווידער באהעפטן צו די אקסעדזשען. אבער אנדערשט פון נעכטן, דאס מאל האט די אקסעדזשען נישט פארבעסערט מיין צושטאנד ווי גערעכטן. איך האב פארגעזעצט צו היסן און זיך דערשטיקן, די מלחמה אויף יעדע אטעם האט מיך אינגאנצן אפגעשוואכט ביז איך האב קוים געקענט ארויסזאגן עפעס א ווארט פון מויל. איך האב געוואלט איינשלאפן אבער אן ערפאלג. אינמיטן נאכט בין איך אונטערגעזוכט געווארן דורך א דאקטער און ער האט צוגערעדט מ'זאל מיך שוין פארשלעפן און מיך באהעפטן צו א אקסעדזשען-אפאראט.

'דער קערפער נויטיגט זיך אין יעדע ברעקל ענערגיע צו קענען קעמפן אויף יעדע אטעם', האט ער מיך ערקלערט וואס איך האב שוין געוואוסט פון פריער, 'דאס איינשלעפן און די אקסעדזשען וועלן דיך העלפן צו קענען קאנצענטרירן אלע דיינע כוחות צו געווינען די מלחמה אויף דיין לעבן'. 'זארג דיך נישט, דו ביזסט יונג און דו וועסט ארויסגיין פון דעם בעזרת ה'...' - האט ער פרובירט מיך בארואיגן, אבער איך האב זיך אקעגן געשטעלט. מיט מיינע לעצטע ביסל כוחות האב איך מצליח געווען ארויסווייזן מיין קעגנשאפט מיט א קליינע שאקל מיט די פינגער אויף רעכטס און לינקס.

דער דאקטער האט פרובירט מיך באאיינפלוסן, אבער איך האב נישט געוואלט הערן, און אין אמת'ן, לויט וואס איך האב דארט געזען אין יענע תקופה האב איך געהאט א גוטע סיבה זיך אקעגן שטעלן; אין די קורצע תקופה וואס איך בין דארט געווען האב איך געזען עטליכע מענטשן וואס אינדערפריה זענען זיי געווען פריש און האבן פארברענגט מיט מיר, אבער נאך עטליכע שעה'ן וואס מ'האט זיי איינגעשלעפט האט זייער הארץ אויפגעהערט קלאפן ל"ע. עס זענען אויך געווען אסאך וואס זענען געזונט געווארן, אבער פון די שושקערייען פון די דאקטורים האב איך פארשטאנען אז איך האב א גוטע סיבה צו ציטערן פון דאס ארגסטע.

'מיר געבן דיר צייט ביז מארגן אינדערפרי', האט דער דאקטער זיך אביסל געבויגן, 'אין די יעצטיגע צייט זאלסטו זיך משתדל זיין זיך נישט אנשטרענגען אפילו אביסל, פארגעס נישט פון צו דאווענען, אבער זאלסט עס טון נאר פון הארץ, אן ארויסזאגן איין ווארט פון מויל, און ווער ווייסט, אפשר וועט געשען א נס...'.

אט די המלצה פון דאקטער האב איך נישט געהאט א פראבלעם צו מקיים זיין... איך בין דאך אינגאנצן אפגעשוואכט געווען. אזוי ווי חזקיהו המלך בשעתו האב איך אויסגעדרייט מיין פנים צו די וואנט, איך האב אויסגעבראכן אין א שטורעמישן געוויין, און א שטילע געשריי איז ארויס פון די טיפענישן פון מיין הארץ גראד ביז צו די כסא הכבוד. אין לויף פון לאנגע מינוטן האב איך געדאוונט אין הארץ, און פלוצלינג, אזוי ווי אין א חלום האב איך מיך געהערט שרייען איין זאץ: "מאמי, מאמי, מארגן מיטוואך, טו אלעס מ'זאל מיך נישט איינשלעפן...".

היינט צו טאג דערנאך וואס מיט סייעתא דשמיא בין איך געזונט קען איך פארשטיין וואס ליגט באהאלטן אונטער די ווערטער:

מיין מאמע ע"ה איז געווען א קראנקע פרוי רוב יארן פון איר לעבן. פון מיינע קינדערישע יארן און אזוי שפעטער האב איך מיט מיינע ברודער און שוועסטער זיך משתדל געווען איר העלפן מיט געטריישאפט. אויך נאך מיין חתונה, ווען איך בין אריבער וואוינען אין א ווייטע שטאט, נאכן זיך אדורכרעדן מיט מיין ווייב זאל זיין געזונט האב איך זיך אונטערגענומען חוק בל יעבור, יעדן מיטוואך פארן באזוכן מיין מאמע'ן און ארויסהעלפן איר ווירטשאפט.

אין לויף פון צוואנציג יאר וואס איז אריבער פון ווען איך האב חתונה געהאט ביז צו די פטירה פון מיין מאמע זענען אריבער אויף מיר פארשידענע מצבים און געשעהענישן, אבער איך קען מעיד זיין אויף מיר אז איך האב נישט פארפעלט אפילו איינמאל פון מיין חזקה. יעדן מיטוואך, נאכן עסן פת-שחרית פלעג איך ארויפגיין אויף א באס וואס נאך א לאנגע רייזע האט עס מיך געברענגט צו מיין עלטערנ'ס הויז, דארט האב איך פארברענגט נעבן מיין מאמע א גאנצן טאג ווען איך זארג און געב זיך איבער צו אלע אירע באדערפענישן, און נאר פארנאכט'ס האב איך זיך אהיים געקערט.

מיין מאמע ע"ה האט זייער שטארק געשעצט מיין איבערגעגעבנקייט צו איר. מיט איר איידלקייט האט זי עטליכע מאל אין טאג מיך דערמאנט ווי ווייט מיין אנוועזנהייט העלפט איר צו און פארלענגערט אירע יארן, און אויך פארן זיך צוריק אהיים קערן האט זי מיך געוואונטשן מיט אסאך ברכות. שטענדיג ווען איך בין שוין געשטאנען אונטערן טיר האט זי מיך געזאגט די שטארקע ברכה וואס איז מפורש אין תורה: "למען יאריכון ימיך".

זינט די פטירה פון מיין מאמע זענען שוין אריבער עטליכע יאר, אבער יעצט, ליגנדיג אויף דעם קרנקן בעט, אונטער די אויסגעשטרעקטע שווערד פון מלאך המות, האב איך זיך עפעס דערמאנט אין די קביעות'דיגע ווערטער וואס איך פלעג זיך געזעגענען פון מיין מאמע יעדן מיטוואך - "למען יאריכון ימיך". דאס האט צוגעברענגט איך זאל ביים דאווענען שרייען די דערמאנטע ווערטער.

צו דעם גרויסן וואונדער, באלד נאכן ענדיגן דאווענען בין איך אנטשלאפן געווארן, און איך האב זיך אויפגעוועקט נאר אויפצומארגנ'ס. מיטוואך אינדערפריה בין איך אויפגעשטאנען ווי א נייער מענטש. צום ערשטן מאל נאך א וואך איז מיין אטעם געווען אין ארדענונג, אבער טראץ דעם האב איך זיך משתדל געווען זיך צו האלטן רואיג און איך האב געווארן אויף די באזוך פון דאקטער.

ארום א האלבע שעה נאכדעם איז דער דאקטער אנגעקומען צו מיין בעט, שלעפט מיט א גרויסע אקסעדזשען-אפאראט. עס איז אים נישט געווען קיין צווייפיל אז עס וועט זיך אויספעלן צו באנוצן מיט דעם. איך האב נישט געקענט באהאלטן מיין שמייכל ווען זיינע אויגן האבן זיך געעפענט ברייט ווען ער האט מיך געזען זיצן און ווארטן אויף זיין אנקום.

'דו האסט זוכה געווען אין א נייע לעבן - פשוטו כמשמעו' - וועט דער דאקטער זאגן ביינאכט, איידער איך האב זיך געזעגנט פון די אפטיילונג. 'האסט געהאט א עכטע נס, איך האב נישט אויף דעם א מעדיצינישע ערקלערונג אויף דעם' - האט ער צוגעלייגט. אבער איך האב אינגאנצן נישט קיין קושיות. אין די טיפעניש פון מיין הארץ האב איך אלעס פארשטאנען.

'הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו'"

'קול ברמה' 353

עיצובים shay